ניט וויא פארצייטען פערשמאכט · אויך אונזערע חזנים אונ אונזערע מלמדים זיינען שוין אין אונזער צייט גאר שוין אנדערע לייט־דאס מען קען שוין ניט פון זייא וויא פאר צייטען לאכען · ווייל מאנכע פון זייא פארשטייען אויך איינינע שפראכען · ווער רעט שוין פון דקדוק תנ"ך אונ אין דער גמרא פשט · זייער גלאט :

ועתה) אונ איצונד מיינע טייערע לעזערין · זאל זיין ביי דיר דיזעס קליינעס ספריל זייער וויכטיג · דען איך האב דיר גאר דיא אלטע צייט בעשריבין זייער ריכטיג · אונ אלם מיר וועלין ווייטער לעבין · וועל איך דאריבער נאך מער ארויס געבין : דען אזעלכע געשיכטען · זייגען דיא בעסטע געריכטען · ביי יעדעם פאלק · וואס מען וויל נור וויסין אטאלק · פון זייערע אלטע צייטען · וואס יעדר מיינט דאס זייא ווערען בעסער בעווייטען · דאך אבער אונזער אלטער חכם זאגט (אל תאמר מה שהיה הימים הראשונים היו טובים מאלה כי לא מחכמה שאלת על זה) · דאס הייסט וואונדער דיך ניט ווארום וואריען דיא פארצייטיגע יארין בעסער פאר היינטיגע · דען דוא זאגסט עס נור אויס ניט קלוגהייט · אונ דאס איז געמיינט ווייל דוא האסט דאריבער ניט גילעזין אונ ווייסט ניט ווי עס איזט אמאל שלימער גיוועזין :

סוף פון דער אצן (1874)

# ר׳ טרייטעל

דער

## קליינשטעטעלדיקער נגיד

איינע וואהרע בעגעבענהייט

## מאת אמ״ד.

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ג לפ״ק

## ДЕРЪ КЛЕЙНСТЕТЕЛЬДИКЕРЪ НОГИДЪ

т. е.

Богачъ маленькаго городка.

Разказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

1872.

Дозволено Цензурою 1 Апрѣля 1872 г. Вильна.



אונזערע חכמים זאגין דאש עס וואדין אונטער אונז אידין נביאים דאפפעל אלס דיא יוצאי מצרים · דאש הייסט צוויא מאל ששים רבוא אונ דאך איז פון זייא אזו וויניג גיבליבין דברי נביאות ווייל מען האט פאר שריבין נור יענע נביאות פון זייא וועלכע עס האבין איין שייכות גיהאט פאר דיא שפעטיגע דורות :

נון דאך דיזע רייד מוזין מיר אלזו אין יעדען קאפיטיל אונ אין יעדען פסוק פון אונזערע ספרי נביאים געפינען אזו איין עטוואס וואש בעלאנגט אויך אונזערע דורות · אונ אונזערע נייע דרשנים געפינען עס טאקע · נון האב איך שוין רעכט צו זאגין דאש דער פסוק אין איכה (א׳) "כל עמה נאנחים מבקשים לחם נתנו מחמדיהם באכל להשיב נפש · ראה ה׳ והביטה כי הייתי זוללה" האט אויך געצילט אויף אונזער צייט · אונ וועל אים טייטין אזו · דאש גאנצע אידעשע פאלק זייען גאנץ פאר זארגט זוכין פון וואנען צו לעבין אונ זייען אין אזעלכע נויטען דאש זייא גיבין אוועק זייערע העכסטע טייערע קליינאדען פאר איין ביסין ברויט נור אום דאס לעבין צו דער האלטין · נון זעהע גאט אונ בליקע וואש פאר איינע פייל ביטערין איך בין גיווארין (דאש הייסט איינע טענדלערין וואש פאר קויפט איהרע וואהרע (סחורה) זייער וואהלוועל אונטער דעם פרייס אדער אזו גאר אונטער דעם קרן)" :

דאש הייסט דער נביא האט מרמז גיוועזן מיט דיזע רייד יינע · דאש עס וועלין אויף שטיין אזעלכע דורות אמאל אונטער אידין וואש וועלין דעם מסחור גאנץ פערדארבין · אונ עס וועט קומען אזו וויט דער מיט דאש זייא וועלין זייערע סחורה פאר

קויפין

קויפין גאר אן פאר דינסט · אונ אפט נאך אונטער דעם מקח
אום צו האבין דער ווייטע דעם גראשין אין האנד אום ברויט צו
קויפין וויא עס געשעהעט למשל אין אונזערע צייטין *) דאש מיר
זייען מזלזל דעם מקח · אונ דאש איז נור וויל דער רודער
(וויאסלע) פון דעם מסחור אונזערין איז על פי רוב אין זייער
שוואכע הענד · דאש הייסט אין דיא הענט פון דיא פרויען אונ
מיידכען · אדער אזו גאר אין דען הענדען פון יונגע לייט וואש
האבין אקארסט פאר לאזין דעם קלויז אין וועלכין זייא האבין
גילערינט נור אזעלכע ענינים וואש ווארין שייך צו דעם בית
המקדש אדער צו ארץ ישראל וואש מיר זייען מגורש פון דארט
שוין צוויא טויזינד יאר · אונ פון עניני העסק ווייסין זייא אסך
ווייניגער נאך אלם פון דיא דינים וואש זייען נוהג בזמן הזה ·
אויך קענען מיר זאגין דאש דער נביא האט מרמז געוועזן מיט
דיא ווערטער „נתנו מחמדיהם באוכל נאך איין העברעין ענין
אלם דעם איינפאכין מסחור · דאש הייסט ער האט גימיינט מיט
דעם ווארט „מחמדיהם” (זייערע קאסטבארקייטען) איין פיל
איידעלערע זאכין אלם פיזישע (נאטירליכע אדער ווירקליכע
סחורה פייערע) · ער מיינט פיליכט דאש מיר אידין וועלין
אמאל אוים זעצין אין דיא שיינקען · אונ דיא טראקטירין · אין
האטעלין · אונ שיקין מיט סחורה איבער פריצעשע אכסניות ·

אונזערע

*) איין דייטשער קויפמאן האט אמאל גיזעהען וויא איין
יודע וואש האט גיקויפט ביי אים סחורה פאר הונדערט טאלער
האט פאר קויפט פאר ניינצינ · אונ האט אים אלזו גיפרעגט
ווארום ער טוט עס: „יא מיין ליבער הערר” האט ער אים
גיענטפערט · מען טוט דאך איין מאל לעבין (כמו שאמרו חז״ל
במדרש קהלת ד׳ ימתלא אמר לא מסתייה מובד דידיה אלא
דאחרונין · מוביד דידיה ודלא דידיה · ורעות רוח רעותיה די
יהוי מתקרי פרגמטווטא) ·



אונזערע פרויען אונ אונזערע טעכטער · וויא מיר טוען אין
אונזערע דורות ·׳ דען מיר געפינען אין אונזערע ספרי נביאים ·
דאש דאש ווארט „מחמד” (קאסטבארקייט) בעדייטעט איבער
הויפט ווייב אונ קינדער · דען אלם גאט ברוך הוא האט גיוואלט
זאגין דעם נביא יחזקאל דאש זיין ווייב וועט שטארבין דורך
איין פעסט · האט ער עס אים גיזאגט מיט דיזע ווערטער · „הנני
לוקח ממך את מחמד עיניך במגפה” דאש הייסט איך וועל ביי
דיר צו נעמען דיין קאסטבארסטע זאך דורך איין פעסט · אונ
באלד דארויף שטייט דארט ותמת אשתי בערב אונ מיין ווייב
שטארב מיר אין דעם זעלביגין אבענד · אונ אזו שטייט דארט
ווייטער אין דעם זעלביגין קאפיטעל כ״ד פסוק כ״א „מחמד עיניכם
ומחמל נפשכם · בניכם ובנותיכם · אונ אזו איז עס ארויש צו
זעהען פון נאך כמה וכמה פסוקים דאש דאש ווארט „מחמד”
בעדייטעט איבער הויפט ווייב אונ קינדער · נון זאגט דער מקונן
דאש הייסט ירמיה הנביא דער קלאגער „נתנו מחמדיהם באוכל
להשיב נפש, דאש הייסט דיא יודין וועלין מיט דער צייט אזו
ווייט קומען אין ניטין דאש זייא וועלין זייערע פרויען אונ
טעכטער אויש זעצין אין אזעלכע געפערליכע פרנסות אום נור
איין שטיקיל ברויט צו האבין אום דעם לעבין צו דער האלטין*):

אונ ווידער קענען מיר זאגין דאש דער נביא האט גימיינט
מיט דיזע רייד זיינע נאך אפיינערין ענין וואש איז נאך פיל
מעהר

*) אונ וויא ווייט עס ווארין אזעלכע פרויען פערדאכט ביי
אונזערע חכמים איז עס זייער לייכט ארויש צו זעהען פון זייערע
בעשרייבונג דארט אין פרשה בלק פון דיא בנות מואב וואש
האבין פאר פיהרט דיא ישראל ביי דער געשיכטע פון פעור ·
זייא בעשרייבין זייא דארט אין מדרש פון דיזער סדרה אלם פרויען
וואש זייען געזעסין אין טראקטירין אונ אין קראמען · עס איז דר
פון זייער פיל צו לעזין זעלבסט אין טייטש חומש פון דיזער סדרה :

מעהר (מאראלישער) (נעהייבין) אלס דיא צווייא פארינע ענינים
וואש מיר האבין ארונטער גענומען אונטער זיינע רייד · מיר
קענען זאגין דאש ער מיינט פיליכט אונזערע גרויסע טיטולען
אונ כבודים וואש איז אזו וואלוויל גיווארין אין אונזערע צייטין ·
דען וואש נאך איז אזו קאסטבאר וויא דיא עהרע פון מענטשין ·
אונ דאש ווערט היינט אין אונזערע צייטין אויש געטיילט אן
אלארא ווענען אזו שרייבט מען היינט אויף אפראסטאק "המופלג"
אויף אקנאפין יודע ספר "הרב המאור הגדול" אויף אקליינעם
רעביל וואש האט זיך פאריוועט ארום איין עגונה (מתיר צו
מאכין) "הגאון הגדול · פטיש החזק · עמוד הימיני · רבן של כל
בני הגולה" אונ אזו אויך שרייבט מען אויף אקבצן דעם טיטול
"קצין" אויף איינעם וואש האט נור איין מאל אן גיזעצט שוין
שרייבט מען "הנגיד" אונ אויף דעם דער וואש האלט נאך אין
פיהרען שרייבט מען הגביר · פאר געווים דיא וואש שרייבין עס
אזו מיינען דער בייא קיין עולם הבא נור דיא קאפייקע · נון
הייסט עס ווירקליך "נתנו מחמדיהם באוכל" גיבין אוועק אזעלכע
טייערע כבודים אונ טיטולען וואש מען דארף זייא עש פערדינען
דורך גרויסע למדות אונ דורך גרוישע עשירות · אונ נשיאות ·
גיבען זייא עש אוועק פאר אשטיקיל ברויט · (נון שרייעט ער
דארויף "ראה ה' והביטה כי הייתי זוללה" זעהע גאט אונ בליקע
דאש איך בין גיווארין איינע פייל ביטערין דאש הייסט איך לאז
אזעלכע טייערע זאכין אונטער דעם מקח · איך גיבע אוועק
פאר נאר ניסט:)

נון קענען מיר דא אויך זייער לייכט אויף זוכין דיא סיבה
דער פון אונ זאגין דאש איז נור ווייל דיא טיטול אויש טיילער
בייא אונז אידין זייען איבער הויפט ניט כאראקטערניע מענטשין ·
אונ דאש זייען שדכנים · אונ בדחנים · דעז על פי רוב זייען זייא
דיא ערסטע וואש בעעהרען מיט דעם נאמען מופלג אונ גביר
דיא קלענסטע אונ ארעמשטע מענטשין · אום נור ארויס צו
בעקומען



בעקומען דיא שדכנות · אונ דיא קליין געלט בייא דעם טיש ·
אונ עס איז מעהר ניט שווער וויא אין אן הייב אונ ווייטער גייט
עס וויא גישמירט · דען חניפה איז אזו איין שליסעלע וואש
קומט צו דעם שלאס פון יעדעם הערצין:

דער צו זייען זייא על פי רוב גרויסע קבצנים אונ גרויסע
עמי הארצים · נון דוכט זיך זייא דאש ווער עס קען זאגין נור
אתורה ווערטיל דער איז שוין אמופלג · אונ דער וואש האט נור
אפאר פייעם אייגענם איז שוין אגביר:

דאך אבער האט זיך מיר אפ גישטעלט אלאנגע צייט
אגרויסע פראגע ווארום רופין זייא אזו איין פערמיינטען רייכען
מיט דעם נאמען קצין · נגיד · גביר · אונ ניט פראסט מיט דעם
נאמען "עושר" וואש דאש איז פיל מעהר פאסענדער פאר איינעם
רייכין מאן אלס יענע הויך טרייבענדע נעמען · דען דאש ווארט
"קצין" בעדייטעט פירשט · דאש ווארט "נגיד" בעדייטעט גרויס
הערצאג · אונ דאש ווארט "גביר" הייסט ווידער גאר גרויש
פולמאן · אונ אזעלכע גרויסע הערדען געפינען זיך גאר ניט
אונטער אונזערע היגע יודען · נון וואש פאר אשייכות האט פאר
מענין צו איינעם הערשאפט?:

דיזע פראגע (שאלה) איז מיר גילעגין יאהרין לאנג צעהנטנער
שווער אויף מיינעם הערצען ביז דער לעבענס שטורעם האט
מיך ארויש געריסין פון דעם שווערס איידעמס שטיביל*) אונ
האט מיך ארום געדרעגעצט אלאנגע צייט איבער דיא קליינע
שטעטליך · למשל וויא איבער רעציצע · אונ בעליצע · בויסק
אונ ציושק · מיר אונ שוויד · זופראן · אונ אראן · אונ זייענדיק
דארט

---

*) אזו איז דארט דיא מאדע אין דיא קליינע שטעט · דאס
דיא בעלי נחלאות בויען אוים אין זייערע בנינים · שיילקעס וואו
איין איידעם זאל איבער קעסט זיצען אונ לערנען · אונ דאש
רופט מען "איידעם שטיבעל":

דארט האט איך ערשט גיהאט גינוג צייט איין צו זעהען ; דאס דיא געמיינטע רייכע וואס זייען דארט זייען ווירקליך גרויס פירשטען פאשייען · גרויס שולטאגען · דען זייא האבין ווירקליך אגרויסע מאכט איבער זייערע קליינע געמיינדען אדער אבציטטוועס· דאס זייערע דעות גילטין דארט אין אלע ענינים וויא דיא דעה פון דיא קנאזאקעס דארט אין דיא בעשקירעסע אונ קאלמיקעשע אואלען (מתנות) אין יחידשע אונ קהלשע ענינים · דאס מיט רעכט קען מען זייא רופין מיט דיא נעמען ״קצינים, נגידים גבירים״ · דען זייא זייען עס באמת · אונ חייל יעדע גרויסע שטאט וואר אמאל דאך אקליין שטעטיל וויא דער שפריך ווארט זאגט ״ראזאם גאראד ניע שטרויעטסע״ דאס הייסט קיין שטאט ווערט ניט געבויט אויף איין מאל איז שוין מיט דעם רעכט געבליבין דער נאמען ״נגיד · קצין · אונ גביר״ : זעלבסט אויף דיא רייכע לייט פון דיא גרויסע שטעט ווען אויך זייא זייען ניט פון אזו איין גרויסין איין פלוס (ווירקונג) וויא יענע פון דיא קליינע שטעט דען עס זייען דא אין דער וועלט אפילע אזעלכע זאכין ; מנהגים אונ נעמען וואס זייען פאר בליבין פון פאר צייטין אונ פאסין שוין ניט בער פאר דיא נייע צייט *)

אונ אום דיר מיינע לעזערין צו געבין איין ריכטיגין בעגריף דער פון וועל איך דיר דא בעשרייבין איינעם קליין שטעטעלדיקין נגיד מיט אלע זיינע זיטען אונ גיטען · מיט אלע זיינע זיבין

זאכין

*) אזו רופט מען אויש אין דיא גרויסע שולען ״צעהען גילדען צום עץ חיים נעמט אוים״ ווייל עס וואר דאן פאר צייטין דיא מאדע דאס מען פלעגט צאלין צעהען גילדען פאר דעם אן טאן דיא עץ חיים · אויך ווייל עס וואר אמאל דיא מאדע דאס דער וואס האט גיזאלט אשטעלע בעקומען אין שטאט האט ער זיך אן גיטאן אין ווייסין · דאהער רופט מען אזו איינעם קאנדידאט (דאס הייסט ווייסער) ;



זאכין · דאס עס וועט זיין גינוג פאר דיר צו לאכין ;

(באחת מהעיירות הנזכרות למעלה) אין איינער פון יענע קליין שטעטלעה וואס זייען שוין דער מאנט גיווארין דא פריהער האט גיוואוינט איין געוויסער נגיד ר' טרייטעל ציפע יענטעס וואס איז נתעשר גיווארין מהסתם וויא מיר האבין שוין גישריבין אין דעם פאריגין קאפיטעל נור פון שדכנים אונ בדחנים ; דען ער האט שוין אויש געהאקט אין זיינעם לעבין שיינע עטליכע שידוכים גרויסע · אונ האט אויש גישטעלט דרייא שארפע איידעמס אין דעם מזרח וואנט פון בייעם בית המדרש · וואס אין יענע יארין וואס וואר דאן אגולט אויף עלוים וואר עס פיל שווערער צוא דאקאזען וויא היינט צעהען אהאטניקעס :

ער וואר דאן בשעת איך וואר דארט בערך אבן חמשים ; אונ וואר אלזו דארט דער שטאלץ פון דער געמיינדע · דען לבד דעם וואס מען האט אים גיהאלטין פאר אנגביר · וואר ער דארט נאך דער צו אין איינעם זייער הייליגען גרוך · דען ער האט געשפילט איינע זייער פרומע ראלע · נון הייסט עס תורה וגדולה במקום אחד (עשירות מיט תורה צו זאמען) אונ וואס נאך אין דער וועלט קען בייא אונז אידין אמענטשין אזו הייבין וויא דיזע ביידע זאכין ? דאהער איז אונז שוין לייכט צו פאר שטיין וואס פאר אבעל דעה ער וואר שוין דארט · אונ וואס פאר איין אבשייא מען האט שוין פאר אים גיהאט · הן בייא איינער אסיפה אונ הן אויף אשמחה ; אונ ווייל דיזער ר' טרייטעל וועט דא זיין דער העלד פון אונזער גישיכטע °) איז צו ווינצען דאס מיר זאלין אים פריהער ריכטיג בעשרייבין וויא ער האט אויש גיזעהען

אויש

°) אזו ווערט אן גירופין אין טייטש אונ אין רוסיש דיא פערזאן פון וועלכער עס ווערט וואס דער ציילט ״דער העלד פון

אויש וויינינ אונ אין וויינינ · דאש הייסט זיין גוף אונ זיין נפש :

(להאיש הזה היה קומה וגובה) דיזער מענטש וואר הויך געוואקסין אונ גוט געפאקט · דאש הייסט ארעכטער בעל בשר · אונ דער צו אגרויסער בעל צורה מיט אגרויסין גערדיכטין באָרד וואש האט שוין אן גיהייבין עטוואש צו גראען · צווייא גרוישע פאות וויא צווייא פונדלען פלאקס וואש פאסין פאר אבעל הרשר נאר · אונ גיזונט דער צו וויא איין ריזאק · דאש ער האט גיקענט עסין פאר דרייען אונ פרעמדע · דאש הייסט אויף אשמחה האט ער גיגעסין פאר פינפין :

(וכאכילהו כך שתיתו) אונ וויא ער וואר איין שטארקער עסער אזו וואר ער אויך איין שטארקער טרינקער · אונ דאך האט מען אים חלילה ניט גערופין דאריבער וויא מען רופט איינעם געמיינעם מענטשין אפט „פרעסער״ יודים · זויפער · פיאק · חס ושלום · פערקערט מען האט עס נאך גיהאלטין פאר אגרויסע מעלה · מען דער קאנט אמענטשין פון זיין עסען דאש ער איז איין גרויסער בריה „פלעגט מען דארט אויף אים צו זאגין · ער איז אגרויסער טוער · ער איז אן עין הרע טאקע אגבר · אז ער גיט אלאפ פאר געסט מען אויף צו שטיין :

(ולא לפלא יחשב בעיני) אונ ווידער וויא דיא ווארהייט גיזאגט איז ביי מיר דאש נאר קיין חידוש ניט · דען מיר זעהען דאך · דאש עשירות פאר אידעלען אונ פאר דעקין גרעסערע פעלערין · אונ הסרונות · אונ מאכין עס נאך פאר גרויסע מעלות · אזו מאכט דיא אים פון אזו אזאך וואש ביי איינעם ארעמען וואלט מען עס רופין לאזנע דאנאם · אדער פאלשע מסירה פאר איינע הוילע תקיפות · פאר אנצחונות · דאש בארגין אונ ניט בעצאלין · וואש ווען דאש טרעפט ביי איינעם ארעמען

זעצט

---

דער געשיכטע„ · אונ אזו ווערט זיין ר׳ טרייטעל דער העלד פון אונזער געשיכטע :



זעצט מען אים אויש דיא ציינער · רופט מען עס ביי אנגיד „נור שווער געלד״ · אונ וואש מען רופט אין ארעמען שטאנד רכילות · רופט מען עס אין נגידות נור מענשענקענעריי · אונ אזו פעראיידעלט דיא נגידות מאנכע קערפערליכע (פיזישע) פעלער · למשל וואש מען רופט אין ארעמקייט „שאפעט״ רופט מען עס אין נגידות נור „כבד פה״ · אונ וואש מען רופט אין געמיינעם שטאנד פראסט „פארך״ רופט מען עס אין נגידות נור איין „אויש שלאק״ :

ואשר נוגע לתכונת נפשו) אונ ווייטער וואש עס האט בעלאנגט זיינעם האראקטער וואר ער גראדע דער היפך פון וואש ער האט גישיינט צו זיין · למשל ער האט גישפילט דיא ראלע פון אגרויסין עניו · אונ וואר באמת דער גרעסטער בעל גאוה דאש ער האט דעם-שמש אמאל געפאצט אין בית המדרש פאר וואש ער האט אים אויש גירופין צו הקפות מיט אצו קליינעם טיטול · ער האט געשפילט דיא ראלע פון אגרויסין ירא שמים · אונ האט גיהאלטין איינע אלטע מוטער ביי זיך וויא אדינסט · אונ האט צו דרייט כמה מאל קהלשע געלט וואש מען האט ביי אים גיהאלטין · ער פלעגט ניט צו קוקין אויף נשים ווייל עס וואר ביי אים רעכט אונגעזעהענער הייט · מען פלעגט זיך אויף אים פאר לאזין אין כמה ענינים פון געלד זאכין · אונ ער אליין פלעגט ניט צו בעצאלין איין משרת · אדינסט · אונ דיא וואש האבין מיט אים געהאנדעלט פלעגין פון אים גלאט ניט אפ שניידין · נור דורך דין תורות אונ שבועות · אונ על פי רוב פלעגט ער צו בלייבין דער גירעכטער · דען ער איז דאה גיוועזען דער נגיד פון שטעטיל · אונ דער צו נאך דער למדן · אונ וויא קען מען ביי אזעלכע צווייא מעלות אומגירעכט בלייבין ?

אך התכונה הרעה בכל תכונותיו הרעות) נור אבער דיא שלימסטע מדה פון אלע זיינע מדות רעות וואש ער האט אין זיך גיהאט · וואר זיינע קארגהייט ; דען טראץ דעם (דאש הייסט

ניט

ניט קוקענדיק) אויף דעם וואש ער האט אויך געשפילט דיא ראלע פון אנדבן · ווארן ער אנרוויסער גייץ · ער פלעגט צו זיין אנדבן נור אויף דעם אנדערעם קעסענע · דאש ער פלעגט צו שטעלין הערכות אונ צווינגען דאש מען זאל געבין נדבות אויף דאש אונ יענץ אונ ער אליין האט קיין מאל קיין קאפייקע גיגעבין אונ האט דאך גיוואוסט צו מאכין מינעם דאש ער ניט מער פאר אלעמען · אונ קיינער האט אים ניט גיקענט דאש אפ לייקענען · ווייל ביי אים איז גילעגין דאש געלד · אונ ער זעלבסט ווער דער אויש טיילער · דאך האט דארט ניט גיפעלט אויך אן אפאר קריטיקער (דאש הייסט קלוגע פערשטייער אונ זאכקענער) וואש האבין דיזען שווינדעל זייער גוט פערשטאנען · דיזע צווייא קלוגע לייטע האבין מיר גישווארין דאש נאך האט ביי אים קיינער אטרונק בראנפין גיטאן · ווען עס קומט צו אים אנאסט · איז ער אלמן · פאר דרייט ער אים דעם קאפ מיט תורה · ביז יענער דער לעבט קוים לויז צו ווערין פון אים : איז דער נאסט נור איין פראסטאק · מאכט ער זיך זוכענדיק דיא שליסעלעך · דיא ווייב · אונ געפינט זייא קיין מאל ביידין ניט · אונ בעדוויערט נאך דער צו דאש ער האט ניט קיין גליק מיט וואש מכבד צו זיין אים :

פעם אחת) אמאל איז דיזער ר׳ טרייטיל זייער קראנק גיוועזען האבין מיר דיזע צווייא קלוגע ערציילט · ער האט בעקומען איין נערפענפיבער : דאש דיא דאקטורים האבין אים גיגעבין שוין קנאפ האפענונג געזונד צו ווערין · דא האבין דיא ווייב אונ קינדער אפפעלירט צו דעם אלמין בעשעפער אונ האבין אויש בעטיילט פופצינ רוביל זילבער · אונ דיזער ר׳ טרייטיל איז גיבליבין לעבין :

ויהי) אונ עס ווער אלם ער איז שוין גיווארין נישט קשה · דאש הייסט אלם ער איז שוין אזוי ווייט צו זיך געקומען · דאש ער האט גיקענט איבער רעכענען דאש געלד : איז ער שיר





איבער נייעם קראנק גיווארין · איבער דעם וואש עס האט אים גיפעלט דיא פופצינ רוביל · אונ עס איז אזוי ווייט גיקומען דאש זייא האבין אים גימוזט אויש זאגין דיא ווארהייט דאש הייסט זייא האבין עס צו טהיילט צדקה „אחורבן איז מיר גישעהען" האט ער אן גיהייבין צו שרייען · ווייא טוט איר עס אזוי איינע אקצע אן מיין ווישען ? „ אונ אלם זייא האבין אים פון שלום בית וועגין גיזאגט אליגין · דאש ער זעלבסט האט עס אזוי גיהייסין · האט ער אויש גישריען „אוי ווייא איז מיר ! אין אזא אהיץ בין איך עס גילעגין" אונ האט באלד גימאכט אמסירת מודעה. פאר צעהען מענטשין דאש פון היינט מאל אן וואש ער וועט נור ריידין פון היץ איז בטל אונ מבוטל · אונ דאהער ווער דארט דער שפריכווארט עד היום „ער רעט פון היץ" :

אלטע לייט דער ציילין דארט דאש דיא מדה קמצנות וואר שוין בולט ביי אים אלם ער וואר נאך אקינד · אזו פלעגט ער בריינגען צו דיק פון חדר דיא שטיקלעך ברויט. וואש פלעגט צו בלייבין פון זיינע מיטאגין וואש מען פלעגט אים דארט צו שיקין אונ דיא שטיקעל ליכט וואש עס פלעגט צו בלייבין פון זיין ליכט וואש ער פלעגט צו בריינגען איין מאל אין וואך אין חדר · אויך פלעגט ער זיך ניט צו שעמען צו נעמען רעסטע פון אגראסין ביי איין ארעם מאן אשטיקיל ברויט וואש זאל ווערט זיין אהאלבין גראסין · אויך ווער דארט דער ציילט זייער פיל וואונדער וואש איז גישעהען ביי זיינער געבורט : וואש האבין שוין דייטליך געגעבן בעוויזין אויף זיינע קמצנות · אזו וויא עס ווערט דער ציילט גרויסע וואונדער פון אלכסנדר מוקדונם געבורט · פון דעם מחמדם געבורט · פון נאפאליאנם געבורט : וואש האבין בעוויזין זייער דייטליך אויף זייערע גבורות אונ מלחמות וואש זייא וועלין טאן אין זייער לעבין · אזו ווערט דער ציילט דאש אין דער נאכט וואש אלכסנדר איז אין איר גיבארין גיווארין האט זייער שטארק גדונערט · געבליצט · אין דעם טאג וואש דער

PSEUDO-BIBLICAL TONE



כתמד איז געבארן געווארן האט אין דעם בוך פון דיא ערד געבורעט גלייך וויא דיא ערד אליין · וואלט גיגאנגען צו קינד · און אין דיא נאכט וואש נאפאליאן איז געבארן גיווארן האט פרידריך דער גרויסער גיזעהען איין טרוים זייענד אין לאגער דארט אין שלעזיען אויף דעם שלאכט פעלד וויא איין גרויסער שטערין האט זיך ארונטער גילאזין פון הימעל · האט זיך צו שמאלצין אין איינער ליכטיגין פליסיקייט און האט פאר טרונקען דיא וועלט · און דער נאך האט ער זיך פערלאפין (אפגעלאפין) און עס איז גיווארין ווידער נאכט וויא גיוועזין :

וכן) און אזו אויך ווערט דארט דער ציילט פון דיזעם ר׳ טרייטעלען · דאש דיא גאנצע דרייא טעג וואש דיא מוטער איז גיגאנגען מיט אים צו קינד · האט מען גיזעהען בחוש האט שורה גיוועזן (געהערשט) דארט אין שטעטיל איין רוח קמצנות (איין גייסט פון קארגהייט) איז איבער מענטשין · און אזו איבער בהמות · דען עס וואר דארט אין דיזע דרייא טעג ניט גיגעבין גיווארין דארט אגראשין צדקה · קיין מלמד האט בעקומען שכר לימוד זעלבסט פון דיא בעסטע צאלער מען האט אפ גיזאגט כמה וכמה ארומע בחורים טעג · זעלבסט דיא איידעמס האבין בעקומען דאן גאנץ שמאלע ביסען · דאש זייא האבין דיזע דרייא טעג ניט גיוואלט אריין רעכענען אין דעם משך פון זייערע קעסט · און דאש וואר נור ווייל דיא בהמות האבין פאר ריסין זייערע מילך · דיא הינער האבין קיינע אייער גילייגט · עס וואר איין איינזינקענעס אין דיא ברייזער דאש דער לייטער איז אפ גיגאנגען זייער קנאפ · און וואש מען האט גילייגט איין אקס האט ער אליין זיך גיטארפעט · נון האט מען פאר שטאנען דאס דאש איז קיין פשוט · און מען האט גימאכט איין שאלת חלום · האט מען גיענטפערט דאש איז נור ווייל דעם ראנדארם ווייב דארף האבין איין אינגעל · וואש וועט זיין איין גרויסער בייץ · און וועט ניט ארויש פון דער מוטערס לייב · ביז מען וועט ניט אריין ווארפין בייא איר אין

שוים



שוים אבלאנקען רענדעל · אדער אנייענקין רובל · מען האט עס גיטאן · און עס האט טאקע זייער געווירקט · דען וויא מען האט עס נור דארט אנידער גילייגט · איז דיזער צייצעל ארויש מיט אזו אהאסט וויא אשטאפקע וואש זעצט זיך ארויש פון אשטארק פאר קארקעוועטע בוטעלקע פארטער · און דער גרים צארין האט זיך אפ גיטאן פון דער שטעטיל אויף דער שטעלע · דען באלד האבין אן גיהייבין דיא בהמות צו געבין מילך · דיא הינער האבין זיך אן גיהייבין צו לייגין · דיא לייטערס האבין אן גיהייבין אפ צו גיין וויא גיהעריג · דיא אקסען האבין זיך אן גיהייבין שוין צו כשרען · דיא ארעמע בחורים האבין זיך אומגיקערט צו זייערע טעג · און דיא איידעמס האבין שוין בעקומען ברייטערע ביסענס · נור מיט דיא מלמדים האלט עס נאך דארט זייער שווער · מען צאלט נאך זייא דארט עד היום מיט גרויסע צרות ווייל איין מלמד איז היוצא מהכלל :

צוואר מיינע טייערע לעזערין איז דיזע ערצייהלונג פון זיין געבורט אביסעל צו אלט מאדעם און דוא גלויבסט בוודאי ניט אין שאלת חלום · און אין פארבעדייטונגען וויא דיזע · דאך איז עס דיר כדאי צו ווישען וויא דיא וועלט האט אויש גיזעהען מיט עטליכע און צוואנציג יארין צוריק אין דיא קליינע שטעטט און פילייכט נאך איצונד אויך אזו · מען האט זיך דאן דער ציילט גרעסערע וואונדער · אלע נאכט וואר דאן דארט דיא שולי מיט מתים פול · און וויא עס פירט אבערע דער בערען טרייבער · אזו האט גיצויגין דעם סם אליין איין קאמייע שורייבער · און האט צום זיינעם גליק געמאכט מיט אים גרויסע שטיק · דאך דאס דיא סגולה פון דעם רובל האט זייער שטארק געווירקט · דאן אויף אים איז עס נאך צו מערקין אויף אים נאך איצונד דען מען זעהעט אים נאך עד היום דאש צוא ליב ארובל קריכט ער דורך · דורך דיא איינגסטע ערטער · און זייער האסטיג

און

און מיט גרעסערע געפאהר נאך אלם דאן · אזו וויים דער ווילע פון זיינעם חאראקטער :

נון מיינע טייערע לעזערין · מוז איך דיך בעטען איין עטוואש אום געדולד · דען איך האב נאך צו מאכין איינע היפשע דאבאווקע צו דער בעשרייבונג פון אים · צוואר (באמת) איך האב פריער גיזאגט דאש איך וויל נור בעשרייבין זיין קערפער · און זיין זייל · דאש הייסט זיין חאראקטער · דאך אבער וואו צעפעט זיך ניט צו צוויא זאכין איינע דריטע · אזו למשל עס האבין נור צווייא חתונה חתן און כלה · און עס ליידעט דער בייא באלד אדריטער · דען עס הונגערט מיט זייא באלד אדינסט · און אזו אויך בייא דעם ענין פון רוחים ווערט גישטראפט אין יענעם עולם לבד דער מלוה און דער לוה · אויך נאך אדריטער דער סרסור · נור מיט דעם אונטער שייד זייא הייבין אן שוין מקבל עונש צו זיין אויך אין דעם עולם · און דער סרסור שפירט דא נאך גאר ניסט דער פון · און אזו געפינען מיר אויך דאש דער בעשטראפונג פון אדם מיט חוה האט גאט דאבאוועט אדריטען דיא ערד · וויא אונזערע חכמים זאגין „שנים חטאו ושלשה לקו״ צווייא האבין גזינדיגט און דרייא זייען גישטראפט גיווארין · און דאהער מיינע טייערע לעזערין · נעם איך מיר דיא פרייהייט צו דאבאוועז דא צו דער בעשרייבונג פון דיזעס ר׳ טרייטלען נאך אדריטע זאך · און דאש איז זיין קליידונג · דען דיא קליידער זייען אימער איין טרייער שילד (זנאק) פון זייער טראגערס ראלע · וואש ער שפילט אויף דער וועלט טעאטער · אדער אויף דעם לעבענס ביהנע (שצענע) · אפילו בזמן הזה וואש מען גייט שוין אן ניטאן טייץ °) און פשיטא שוין דאמאלס אלס מען איז נאך

גינאנגען

°) אזו למשל דער וואש איז נור איין שייף וועייל און שייף ונפיק (אריין און ארויש גייער) אין בית המדרש · גייט ניט אין לאנגע מייטקעס · און טראגט לאנגע קליידער · איין הפך פון



גינאנגען גיקליידעט אידעש · וואש דאן האט יעדער פאלב און יעדער קנייץ אין בגד געמאכט אגרויסין אונטער שייד צווישין אלער האנר מענטשין · אויך ווארן איין גרויסער אונטער שייד צווישין איין אויער היטיל טרעגער און צווישין אהאבאדנעצע טרעגער · צווישין איין קובע טרעגער און איין דעליע טרעגער :

דיא גרעסטע ראלע אבער האט געשפילט אונטער דיא אידעשע קליידער גראדע דאש קלענסטער בגד · און דאש ווער דער גארטעל · ער ווער דער ריכטיגער גראדען צייגער פון דער הייסקייט, אין אידעשקייט וויא דער טהערמאמעטער איז דער ריכטיגסטע גראדען צייגער פון דער הייסקייט אין דער לופט · נור מיט זיינעם שטייגען דאש דיא לופט הייסקייט האט געשטיגי · און דער גארטעל פלעגט נור צו צייגין מיט זיינעם זינקען דאש דיא היץ פון דער פרומקייט האט געשטיגין דען וואש נידעריגער מען האט גיטראגין דעם גארטעל ווער, עס אלץ מער בעווייז דאס מען איז פרימער · און וואש מען האט אים גיטראגין העכער ווער עס אבעווייז דאש מען איז אלץ מער וועלטליכער :

רבנים פלעגין אים צו טראגין דאהער אונטער דעם נאפעל · בעלי בתים לומדים גראדע אויף דעם נאפעל · יונגע לייט לומדים איין עטוואס איבער דעם נאפעל : וועלטליכע האבין אים גיטראגין שוין אונטער דעם הערצען · אויש גילאסענע

האבין

איינעם וועלטליכין וואש טראגט קורצע קליידער · און לאנגע מייטקעס · איז ער נאך אשטיקיל למדן · טראגט ער אהיטעלע אן אקאזעראק · איז ער ארעכטער למדן · טוט ער זיך אן אין אטלעס אום שבת · און אזו אויך ווער עס האלט זיך נאר בכלל שיינער איד · גייט אלץ נאך אין זיידען צייג · און דער צו נאך אגארטעל פאר גנבטערהייט :

האבין אים שוין גיטראגין איבער דאס הערץ׳ נון אונזער ר׳ טרייטעל האט גיטראגין דעם גארטל אויף דעם גארטעל · דאש הייסט וויא אבאלעבאס אגרוישער למדן · דער צו נאך זייער בריט׳ אונ אום דער וואכין פון זיידענקיטייא · אונ אום שבת פון קאמלעט · דער צוא נאך איז ער גיגאנגען אין שיך מיט ווייסע זאקין · אין אזופעצע מיט האקין · אין אהיטיל אהאלבע לבנה · וויא אכשרה נשמה · אויך זיין דבור וואר וויא איין גרויסער לייט דען ער האט גירעט אימער אויף דעם זייט :

נון זייענדיג צו געקליבין מיט אלע דיזע זיבין זאכין וואר ער דארט אין שטעטיל איין פירשט · איין הערצאג · אדער בעסער צו זאגין איין סולטאן · יעדעם ווארט זיינער וואר איין געזעץ · יעדער וואונץ איין בעפעהל׳ יעדע לוינע (משוגעת) זיינע וואר נאך געמאכט פון אלעמען וויא איינע נייע מאדע · דען ער וואר דארט אויך דער טאן אנגעבער · עס וואר דארט ניט גיטאן גיווארין אן אים וואש אהאר איז ווערט · זעלבסט דער רייסטער פון אבריית · פון אחתונה · האט געמוזט אפראבירט ווערין פון אים · ווייל ער האט גיהאט גענוג וואש איין צוא ווענדען · דעם האט ער אויש גימעקט אונ דעם האט ער צו גישריבין׳ ביי אלע רעכטע בריתען וואר ער סנד · ביי אלע רעכטע חופות וואר ער דער מסדר קדושין · אונ האט אלוו דער נאך צום טיש אויך ניט גיפעלט · וויא זאלץ צום ברויט · אונ פלעגט לאזין דעם עולם ווארטין אויף זיך וויא איין קארפעסנער לאזט זיך ערווארטין ביי דעם וואך פאראדע · אונ פלעגט צו ברייגען מיט זיך אלע מאל איינעם שרעקליכין אפעטיט דאש ער פלעט צו עסין וויא מיר האבין שוין פריהער גיזאגט פאר דרייען׳ אונ פלעגט זיך אזו שטארק אן פאקין דאש עס פלעגט אים זיין פיל מעהר שווערער צו פאר שפילעווען זיך אלס איינעם געהאקטען קרבן מנחה סידור וואש איז אן געפילט נאך דעם איינבינדען מיט גייע תחינות : אונ ווינד אונ ווייא וואר שוין יענעם דער וואש

האט



האט גיהאט דאש אומגליק צו בעקומען אים פאר אשונא יענער האט שוין גימעגט זיין זיכער דאש ער אדער זיין זון וועט שוין זיין איין סאלדאט · וועט האבין אויף זיך איינע שווערע ערכה · וועט ניט באקומען בראנפין צום שיינקען · וועט קיין רעכטין שידוך ניט קענען טאן · וועט האבין ביי זיך אין שטוב איינע שווערע פאסטוי · אונ דער צו נאך קיינע רעכטע עליה אויך ניט האבין אונ ווען ביי אזו איינעם אונגליקליכין איז ווער נור גישטארבין דאן האט מען בדלות גישטעלט פאר קבורה געלט :

ביי יעדע חופה וועטצערע וואו ער וואר נור צום טיש האט זיך שוין דער בדחן צו ריסען דיא גאל אים לויבינדיק · אונ האט אויף געוויזין מיט גימטריאות וויא זיין נאמען איז מרומז אין כמה וכמה פסוקים · ביי יעדעם סיום תורה וואש נור איינער האט גימאכט וואר ער דער תורה טרעגער אונטער דער חופה׳ אונ ווייל ער האט זיך שוין ווירקליך געהאלטין פאר דעם באלעבאס פון דער שטעטיל · פלעגט ער זיך שוין ערלויבין צו גיין אין גאס אין אשלאפראק · אונ אזו אויך צו קומען אין בית המדרש אדער אין שול אין דעם °) :

אונ אזו וויא מען האט פון אים געליטין אזו פיל האט מען

געליטין

---

°) אונ אזו ערלויבין זיך על פי רוב בעלי חצרות · אונ פראסטע. בעלי בתים וואש זייען האלבע קבצנים אונ גאנצע האזעניקעס · זעלבסט אין דיא גרעסטע שטעט צו שטיין אין גאם אין אשלאפראק אונ אזוא צוא קומען צום דאוונען · גלייך וויא דיא שטאט וואלט גיוועזן זיין שפאציר גארטין · אונ דער מקום קדוש וואלט גיוועזן זיין שלאף צימער · אונ באמת איז דער וואהרער דרך ארץ דאש זעלבסט זייענדיק ביי זיך אין שטוב גיהערט מען אויש צו טאן דעם שלאפראק אונ אן טאן אראק וויא נור עס קומט אריין איין פרעמדער מענטש · דען עס איז ניט דא קיין גרעסערע פעראכטונג וויא אויף צו נעמען איין

געליבין פון זיינעם איידעם · איין געוויסער מאנציג וואש מען האט אים גירופין הומעצער עילוי · ער וואר דער אבראזעץ פון אלע דארטיגע איידעמס · אלע איידעמס האבין גילעריגט דאש זעלבע וואש ער · אונ דער צו נאך מיט דעם זעלבינגן ביגון אונ זייען ניט גיקומען שפעטער פאר אים אין בית המדרש · אונ ניט אוועק גינאנגען פריהער · האט עם אבער איינר גיטאן · דא האט ער גיהאט שוין אפגעשניטענע יארין פון דעם שווער · פון דער שוויגער · אונ פשיטא שוין פון דער ווייב · דען וועמען ווילט זיך ניט גלייכין צו דעם נגידס איידעם ? אויך וואר דיזער מאנציג דער ציפער בלאט פון שטאט · דאש הייסט דער שטאט זיינער · אלם מאנציג איז גינאנגען דאוונען האט מען געוואוסט דאש עם איז שוין זיבין · פון דאוונען איז שוין צעהען · אונ אזו האבין זייא גירעכינט דיא שטונדין נאך זיין גיין לערנען אין בית המדרש אונ פון זיינעם צוריק קומען פון זיינע נקיות · פון זיין ליכט אוים לעשין אין זיינעם צימער · אונ האבין נאך דעם איין גערעכנעט זייערע ארבייטען · דאש הייסט זייא האבין שוין גיוואוסט דורך דעם ווען צו צו שטעלין קאכין ווארעמעס · וועצערע · ווען צו בענצין ליכט · ווען צוא לייגין זיך שלאפין · דיזער מאנציג וואר ניך יאר אויף קארמע בייא זיינעם שווער · אונ האט זיך געצילט אויף רבנות · האט זיך שוין כמה מאל פאריוועט ארום איינע ענונה (דאש הייסט אום איר מתיר צוא מאכין צוא איר מאן) · עם איז דער פון נישט גיווארין · וויא פון דעם שווערם עשירות · זיינע למדות · מיט דעם שווערם נגידות האבין זיך צו גליך · אוים גילאזין · אונ נאך מיט איאר דרייא פריהער אלם דיזעם איז גישעהען · האט אים דער שווער שוין געדונגען איינע ארענדע · אונ דיא טאכטער פלעגט צו קומען

צו

---

מענטשן נעגלעו (דאש הייסט אין שלאף קליידער) אונ פשיטא שוין צו דאוונען אין זייא אין מקום קדוש :



צו אים אלע יורע אונ מיהיל אונ שרייען · טאטע דיא ראטע · טאטע דיא ראטע · טאטע דיא ראטע · נון מיינע טייערע לעזערין · סוו איך דא ווידער אויף אוויילע אפ טרעטין פון אונזערע ערציילונג · אונ בעשרייבין דיר איינע זייטיגע זאך וואש האט אבער אגרויסע שייכות צו אונזער געשיכטע · אונ דאש איז איין קיצור פון איינעם דיספוט וואש וואר צווישין צווייא קלוגע יונגע לייט איבער דעם ענין פון חכמה אונ פון עשירות :

מיט איאר צוואנציג צוריק · אלם איך האב מיך נאך געיאגט נאך דעם פאלשען גליק · דאש הייסט אלם איך האב נאך גיוואלט דורך דעם סאחאר געלט פאר דיגען אונ מעשות שרייבין איז מיר נאך ניט גילעגין אין זינען · האב איך אונטער וועגענס אן גיטראפין איך אקרעצמע צווייא יונגע לייט · ביידע רייכע מענטשין אונ רעכטע יודעי ספר · עם וואר דאן ווינטער אזו וויא ארום חצי שבט · אונ עם וואר שוין רעכט נאכט · דארויסען וואר אגרויסע מהאטעלניצע מיט אפראסט בייא זאמען אונ אין צימער וואר ווארעם · ציכטיג · ליכטיג אונ דער צו זייער שטיל · דען עם וואר דאן קיינע אנדערע עוברים ושבים חוץ אונזערע דרייא · דא האט אוים לאנגווייליע איינער דעם אנדערין איינגעלאדען (פריגלאסעט) צו איינעם פראפעראנס · אונ האט גיוואלט מיך אונ בעקאנטין צו נעמען פאר איין דריטען · דער צווייטער אבער האט עם ניט אן גינומען · אונ האט נאך דער בייא גימאכט זייער קלוגע איינווענדונגען · דאש הייסט ער האט אים גינעבין צו פאר שטיין דאש דער מענטש גיהערט זיינע קארגע צייט אן ווענדען צו וואש בעסערעס · צום לערנען צום לעזען וואש ניצליכעס · אונ האט אים צו גלייך דער בייא גענוויזן דאש ער פירט מיט זיך איינען גאנצען ביבליאטעק ספרים אונ ביכער אונ האט זיך אן גיבאטעך זעלבסט פאר צוא לעזען וואש :

אונ

אונ איך זאג ניין „האט זיך דער ערשטער אפ גירופין וואש מען האט אים גירופין כתריאל שחור · איך בין אין דער מיינונג · דאש דיא גאנצע למדות אונ געלעהרזאמקייט באם זיא איז ניט פאר בונדין מיט חיונה · דאש הייסט ווען מען איז קיין רב אדער אדאקטאר זייען זייא נור איין הוילער אומגליק פאר דעם מענטשין · דען דאש שלאגט אים אראפ פון טראפ דאש ער טויג ניט דורך דעם צו דער וועלט · ער טויג ניט פאר קיין געשעפטס מאן · אונ ניט זעלבסט צו איין אנדער ארבייט · דען ער בלייבט דורך דעם אן כחות אן מוחות אונ דער צו נאך פאר אכט אונ פאר לאכט פון אלעמען · נון וואצו אייך צו שלעפין מיט דיזען פאק ספרים אונ ביכער · אונ נאך דעם אנדעדין אויך דער צו באריידין דאש ער זאל זיין צייט דאריבער פאר שווענדין?"

„גאר אנייעס!" האט זיך דער צווייטער אפ גירופין וואש האט גיהייסין שלמה אלבוים · „איך הער עס דאש ערשטע מאל אין מיינעם לעבין דאש מען דארף נור לערנען אום צו זיין ארב אדער אדאקטאר · ניין דיא בעשטימונג פון מענטשין איז דאש ער זאל לערנען תורה אונ חכמה לשמה · דען אמענטש אן דיזע ביידע זאכין איז ער גור איין טהיר · דאש הייסט איין פראסטער בעל החי וואש גייט אויף צווייא פיס · אונ עשירות אן חכמה איז פיל שליכטער אלס חכמה אן עשירות · אויך צו ליב דעם דאש דער עושר וואש איז קיין חכם ווייש ניט אונ פאר שטייט ניט וויא מיט דיא עשירות אום צוא גיין · דען מען דארף האבין פיל מער חכמה אום צו וויסין וויא דאש געלט צו בענוצין אלס וויא עס צו פאר דינען · רייך קען מען ווערין דורך איין פראסטין צו פאל · למשל דורך אגעווינס · דורך ירושה · אדער דורך אבלויזע רמאות · אום צו בענוצין עס אבער צום רעכטין נוצין מוז מען שוין האבין אנרויסין פאר שטאנד · זאנסט איז דיא עשירות אין דער האנד פון איינעם פראסטאק דאס זעלביגע וויא עס איז איין מעסער אין דער האנד פון איינעם קליינעם



קינד וואס קען זיך דער מיט פיל מער שאדען אלס נוצען" :

„נון אבער לאמיר זעהען דעם אנדערין פאל" האט זיך אפ גירופין דער כתריאל שחור „וואש פאר אפנים האט אחכם וואס איז ארעם אדער גימיין · דער ווילע ביז אהער האבין מיר גיזעהען דאש דער גימיינער געלעהרענטער קומט אן צו דעם רייכען פראסטאק · אבער ניט דער רייכער פראסטאק צו דעם געמיינעם געלעהרטען" „דאס איז נור" האט זיך אפ גירופין דער שלמה אלבוים ווייל דער ארעמער חכם וויים אונ פאר שטייט וואש אים פעלט · דער רייכער פראסטאק אבער ווייש עס ניט"

„נוא דאש איז נור אפשעטעל אונ ווייטער ניכטס" האט אים גיענטפערט דער כתריאל שחור „נון וויא וויים איך קוק איין אין דער וועלט איז טויזענד מאל גלייכער צו זיין איין שלעכטער הער איבער אנרויסין פאר מעגין אלס צו זיין בייא אזוא איינעם אנוטער בעטלער · אונ דאס זייען אימער אייערע לומדים אונ אייערע גילערענטע · וואש שלעפין זיך אריין מיט זייערע ספרים צו רייכע פראסטאקעס דורך אהינטער טיר וויא מיט אשטיקיל קאנטערבאנד · אונ פאר שטייען נאך עד היום ניט צו וואש טויגן זייא עס · אונ צו וואש נוצט עס זייא?" :

„אי!" האט זיך אפ גירופין דער שלמה אלבוים „איר רעט האט מיר קיין פאר איבעל ניט ווירקליך וויא איין קינד וואש פאר שטייט נאך דיא וועלט אם מינדעסטען ניט · מען דארף ניט האבין מער גאלד אין דער וועלט וויא עס וואר מיט דרייא הונדערט יאר צוריק אין אמעריקא · עס האט דארט דער מינדעסטע איינוואונער גיהאט כמה פודין גאלד בייא זיך אין שטוב אונ דאך וואר'ן זייא דיא אומגליקליכסטע אינ דיא עלענדסטע אין דער וועלט · דען זייא פלעגין עסין איינער דעם אנדערין אונ דאס וואר נור ווייל זייא האבין קיין חכמה געהאט · זייא פלעגין צו גיין נאקעט · אונ פלעגין צו עסין ווארצלען אונ ליידען זייער אפט הונגער ווייל עס האט זייא גיפעלט דיא ידיעה וויא צו מאכין

זיך קליידער · אונ וויא צו זייען פעלדער · אונ דאהער ווען עס האלטין דא בייא אונז ניט גיוועזן חכמים וואש וואלטין ניט דער ביין וויא מען שפינט מען וועבט מען פארבט אונ מען נייט · דאן וואלט איר וואש איר שטייט דא יעצט גיקליידעט וויא איין נאלעטאן געשטאנען פאר גיווים נאקעט · אונ ווען ניט גרויסע לומדים וואש האלטין איין דיא וועלט מיט זייער תורה אונ מיט זייערע דברי מוסר וואלט איר ניט זיכער גיוועזן מיט אייער פאר מעגן ניט מיט אייער פרויא וויא אברהם אבינו האט גיזאגט „כי אמרתי רק אין יראת אלהים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי״ דאש הייסט איך בין אין דער מיינונג וייל מען האט קיין פורכט פאר גאט דא וועט מען מיך טייטין וועגין מיינע פרויא · אונ וויא איר זייט נאך דער צו איין פעטער מענטש וואלט מען אייך נאך פילייכט אויף גיפרעסין אויך · וויא עס פירט זיך נאך עד היום ביי דיא ווילדע מענטשין וואש זייען אן חכמה אונ אן תורה״ :

„מיין ליבער ר׳ שלמה !״ האט זיך דער כתריאל שחור אפ גירופין״ איר פאר שטייט מיך ניט · איך ווייס אויך וויא איר דיא גרויסע נוצין פון תורה אונ פון חכמה אין דער גרויסע וועלט איך ווייס דאש אן זייא ביידין וואלט דיא וועלט קיין קיום גיהאט מאקע אזו וויא איר זאגט · דאך אבער זעהען מיר איין אין דער וועלט דאש דעם עושר וואש בענוצט זיך מיט דיא ענינים וואש דיא לומדים אונ די חכמים האבין ממציא גיוועזן איז אים אזו ווייט בעסער פאר זייא אזו וויא עס איז ווייט בעסער דעם קאנטאריסט וואש וועקסעלט דיא גאלדענע דוקאטען אלס דעם סיבירניק וואס בעקומט ארויס דאש גאלד פון רודניק מיט סכנות נפשות׳ דען ער איז דאך אין געפאר צו פאר שאטין צו ווערין דארט אונ האט דער פאר נור קנאפין ברויט אונ קארגעם וואסער דען מיר זעהען דאך חכמים אונ לומדים לעבין זייער ארעם · אונ דער גרעסטער טייל פון זייא האבין פאר זייערע חכמות אונ למדות פאר פאסט

מיט



מיט זייער לעבין אונ אמייל האבין געליטין דער פאר גרויסע צרות · זעלבסט פילע נביאים זייען נהרג גיווארין פאר זייערע נביאות · בנימין פריינקלין איז נהרג גיווארין דורך דיא מאסינע וואש ער האט ממציא גיוועזן דאש זאל אפ ציהען דעם דונער פון אבנין · דער ערפינדער פון פולווער איז דער שאסין גיווארין׳ גוטענבערג דער וואש האט אויש גיטראכט דעם דרוק האט גיהאט גרויסע רדיפות דער פאר · וייל דער המון עם האבין אים גיהאלטין פאר איין מכשף דער פאר אונ האבין אים גיוואלט פאר ברענען אונ דיא מדפיסים ווערין רייך דער פון · דאהער בלייב איך ביי דאס מיינינע · פיל גלייכער צו זיין איין עושר אפראסטאק אלס איין חכם איין ארעם מאן וואש זיין חכמה איז בזויה״ :

„דער חכם אבער״ האט זיך דער שלמה אלבוים אפ גירופין · קען קיין מאל זיין העכסט אומגליקליך וויא איין עושר אפראסטאק קען קיין מאל ניט זיין העכסט גליקליך׳ וייל דער ארעמער חכם איז גאר קיין מאל ניט אזו ארעם וויא אייך דוכט זיך ווייל דיא חכמה איז מחיה דעם מענטשין ערקוויקט אים אונ פאר שאפט אים פריידין אין דיא גרעסטע ליידין · זיין נאמען הערט זיך זייער ווייט אין דער וועלט בשעת ער איז נאך פאר אכט אין דעם ארט וואו ער וואוינט וויא דער שפריך ווארט זאגט „נאך איז קיינער גיווארין אנביא אין דער זעלביגע שטאט וואו ער איז גיבאהרען אונ שטארבט ניט אפ פון דער וועלט זעלבסט נאך זיינעם טויט · ווייל מען בענוצט זיך מיט זיינע זאכין וואש ער האט ממציא גיוועזן אדער מיט זיינע קלוגע ספרים אימער אונ אייביג · ניט אזו אבער גייט עס מיט דעם רייכין פראסטאק׳ער שטארבט אפ על פי רוב פון דער וועלט אם זיינעם לעבין נאך אלם ער פאר לירט זיין פאר מעגין וואש דאש טרעפט אימר · נון דאן זעהעט ער אויש וויא איין ליידיגער זאק וואש וואר אמאל פול מיט רענדלעך׳ וואש מען מאכט דער נאך פון אים

וויש

ווייש טיכער · אונ דיזע דאגה שרעקט אים נאך אין זיינע בעסטע צייטין מער נאך אלס דער טויט איינעם ארעמע פרייכער׃

נון מיינע לעזערין גענוג מער ברויך איך ניט דא צוא שרייבין פון דיזעם ויכוח׳ דען ניט דא איז דער ארט דער פון פיליכט וועלין מיר אונז אן טרעפין אין איינער אנדערע גישיכטע וועלין מיר דארט מער שפרעכין דער פון · דער ווייל האב איך דיך צו געפיהרט נור צוא דעם שטויץ (פאאינטע) פון דיזעם גישפרעך וואש ליגט אין אים גרויסע וועלט קענטניסע · דאמיט דוא זאלסט זעהען אונ וויסען וויא דער ר׳ שלמה אלבוים האט רעכט אין זיינעם דישפוט · ווייל דיא פראקטיקע פון אונזערע גישיכטע דיא איצטיגע ווייזט דייטליך דעם שלעכטין סוף פון אנגראבין יונג איין עושר · דען מיט דער צייט האט זיך ארויס געוויזין דאס אונזער ר׳ טרייטיל איז איין ארעם מאן · צו געוועזען צו געווארין איצונד · דאס מאכט שוין ניט אויס׳ גענוג עס האט זיך דיא רעדיל אנידער גישטעלט · ער האט וויא דער שטיינער איז אן גיזעצט דער צו נאך בלוטיגע געלט פון יתומים אונ פון ארעמע מענטשין · אונ האט נאך אלץ פון דעסטוועגין גיוואלט גילטען אין שבאט פאר דעם נגיד דאש ער זאל האבין דיא זעלביגע דעה וואש ער האט פריהער גיהאט אונ עס האט עס אים ווירקליך נאך אנאנצעם יאר גינאלטין נאך דעם אן זעץ · אונ האט אויש גיזעהען ביי דיא שטעטיל לייט דאן וויא איין אפ גיזאגטער ציגאווניק וואש איז איאר נאך דער סלוזבע נאך פאסטאמעם · טראגט נאך דעם מונדער אונ פאלוצעט נאך זאלאוואנע · אונ האבין אים נאך אלץ געשוינט וויא פריהער · עס האט זיך אים אבער גיוואלט צו האבין איינע איביגע מעדיטורא דאש הייסט איינע ווייצנע זאלאוהנע ניט וויא איין אפ גיזאגטער ציגאווניק · נור וויא איין אויש געדינטער וואש גייט ארויס פון שלוזבע מיט דיא עפאלעטען אונ סאבלע · דאש הייסט עס האט זיך אים

גיוואלט



גיוואלט בלייבין אזוי איביג אונ אימטה אין דער זעלביגע עהרע וויא ער וואר פאר דעם אן זעץ · אונ דאש האט מען שוין ניט צו גילאזט דארט · דער עהסטער וואש האט אום גיפסעלט וואר איין קלוגער וועלטליכער יונגער מאן · איין יונגער מאן וואס האט ניט גיהייסין אויף זיין ווייבס נאמען למשל וויא ר׳ חייקיל יענטעס · ר׳ ישראל שפרינצעס וויא דיא מאדע איז ביי אונז אידין גיוועזען דאס דיא מענער אונ דיא הויפין האט מען גירופין אלץ אויף דיא ווייבס נאמען · ניין ער האט שוין גיהייסין פראסט חיים איציק בראדזאווסקי דאש הייסט ער האט שוין גיהאט איינע פראזוויסקע · נון האט זיך גימאכט דאש דיזער יונגער מאן וואש וואר זייער רייך האט גימאכט ביי זיין בן יחידל אגרויסין בר מצוה · דאש הייסט אגרויסין מאלצייט · נוא אין אקליין שטעטיל ווייס מען דאך וואש עס פאר קאלאצעט זיך אין איינער איי פשיטא שוין דאש מען האט שוין דארט גיוואוסט אין אלע הייזער פון דיזער שמחה אויך אונ ביותר אונזער ר׳ טרייטיל · אונ האט זיך אלזו זייער שטארק מכין גיוועזען צו דיזער סעודת מצוה · דאש הייסט ער האט שוין דיא ווייב פאר זאגט דאש מען זאל ניט קאכין היינט קיין ווארעמעס פאר אים ווייל ער וועט האבין היינט אבר מצוה ביי דעם חיים איציק · דען אזוי האט ער זיך געפירט פון קדמות דנא · דאש ווען ער האט נור גיהאט ערגעץ וואו אברית אחתונה האט ער דעם טאג שוין גיפאסט · דאמיט ער זאל אהין ברייגגען אשטארקין אפעטיט · אונ ווער רעט שוין אויף אגרייכין מאלצייט וויא עס וועט זיין ביי דעם חיים איציק · עס וואר דאן דער מיוחם טאג דאש הייסט ביני לביני · אטאג וואש נדוים וויא אידעשער גלות · שווער אפ צו פאסטען אין אים ביז זיינער דרייא פיר · דאך וואש קען דעם מענטשין מער גענערין וויא דיא האפענונג · ער האט שוין ביי נאכט געטרוימט פון אשטיק העכט · פון אשטיק בראטין · אונ האט זיך אלזו גענגלעט דעם בייכעלע אונ עס האט מער ניט

גיפעלט

גיפעלט דיא ווערטער צו זאגין „שישו בני מעי בערב תשבעו דגים ובשר„ דאש הייסט פרייט איך מיינע איינגעווייַדע אנטקעגין אבענד וועט איר אייך זעטיגין מיט פיש אונ מיט בראטין :

ארום צווועלפין האט ער אום דיא שמאהע צו פערטרייבין פאר רייכערט אגרויסע לולקע טאבאק אונ איז אום גיגאנגען איבערין שטוב הין אונ הער · אונ האט זיך דער ווילע אויש גירעכינט דאס עס וואר שוין לאנג צייט צו בעטין אויף דעם בר מצוה אונ וואש איז דיא מעשה וואש דער שמש איז נאך ניט גיקימען בעטין · אונ איז גיווארין זייער אומרוהיג דורך דעם · אונ האט גימאכט דער פון אשמועות מיט דער ווייב · „דוא קענסט דעם פיאנעצע !„ האט זיא אים גיענטפערט „דער ווילע לויפט ער אום וואו מען גיט דיא גראסענס אשנאפס · אוי מיר האבין פאר זינדיגט זיין פאטער דעם אלטין · שטייץ בייא אים פלעגסט דוא זיין דער ערסטער גיבעטענער · ער פלעגט מאכין מיט דיר דעם פעצאטאק זאל ער מיר מוחל זיין · ער האט דאך ניט גיקענט שרייבין אונ קיין רייסטער לייענען · אונ דאך האט זיך קיין מאל גיטראפין דאס ער זאל פאר פעלין וועסען צו בעטין אונ ער דער עזות פנים · עס האבין זיך שוין עטליכע מענטשין אויף אים גיקלאגט דאש ער האט זייא ניט גיבעטין · דען פון שכרות פאר לירט ער דעם רייסטער אונ ווייס נאר ניט וואו ער איז ממש אין דער וועלט · איך גיב קיינע צווייא פייעמס · דאש דיזער חצוף האט זיך געמוזט בודאי פאר געסין נאר אן דיר„ · דיזע רייד איז אים אריין זייער טיף אין זינען דיזעם ר' טרייטלען אונ איז גיווארין ממש נאר אצומישטער „עס קען עס גרייליך זיין„ האט ער זיך אפ גירופין · דוא ביסט גירעכט · איך ווייס שוין פון שיינע עטליכע אקצעס אזעלכע אונ האט זיך אלזו מיט דער פיפקע ארוים גילייגט דורך דעם פענסטער אין גאס דאמיט דער שמש זאל אים דער זעהען לייפענדיק דא פאר בייא. „ער

וועט



וועט דאך דורך דער ערד ניט גיין„ האט ער צו איר ווייטער גיזאגט · זיין גאנג איז דאך אין דיזער געסעל · נוא וועט ער מיך שוין דער זעהען :

מער אלס איינע שטונדע איז ער אלזו גילעגין אין פענסטער אונ האט אויס גערייכערט דרייא גרויסע לולקעס טאבאק אויש גרויש אונגעדולד · נאך וואר בייא קיינעם איינע שטונדע פון אזו אלאנגין דויער וויא בייא אים · צעהען מאל אויף איין ווילע האט ער זיך אין איר בעטראגין מיינענדיג אלץ דאש דער שמש גייט · ניט נור אלס איין מענטש איז גיגאנגען האט ער גימיינט דאש ער גייט עס זעלבסט · ווען עס איז גיגאנגען אציג אבאק האט זיך אים אויך גידוכט דאש ער גייט עס · ער האט צווייא פאר שפאקולען אן גיטאן אים צו דער זעהען אים פון ווייטין · עס זייען אים דיא אויגין ארויש גיקראכין קוקענדיג אונ קיין שמש וואר צו זעהען אונ ניט צו הערין · ער האט נור גיזעהען צו זיינעם קריינקונג וויא לייט גייען פאר בייא אים מיט זייערע אינגעלעך וואש טראגין מיט זיך זייערע לעפיל צו דער סעודה פון דעם בר מצוה · אונ יעדערער פון זייא פרעגט אים אלץ פאר וואש גייט ער ניט · נון האט ער גיהאט דער פון אקריינק אין בויך אונ נאך מער אין הארצין · דען ער האט זיך זייער גיקלעמט · אונ וואר אלזו מלא רציחה אויף דעם שמש :

דאך אבער נאך דיזע לאנגע פינסטערע שטונדע האט אים אן גיהייבין שוין צו טאגין דאך אבער נור צו טאגין אבער ניט אויש גיטאגט אין גאנצין וויא מיר ווילין דא ריכטיג דער ציילין ער האט דער זעהען דעם שמש ער לויפט וויא איין פאר שאמטער · נון פאר שטייט זיך דאש אונזער ר' טרייטיל האט זיך זייער דער פרייט וויא ער וואלט דער זעהען זיין פאטער פון יענער וועלט אונ האט עס אן גיזאגט זיין ציפענו · נון האט זיא זיך אויך ארויס גילייגט דורך דעם פענסטער אונ האבין דעם שמש דער ווארט מיט גרויס שמחה · דער שמש אבער איז פאר

בייא

בייא זייא פאר בייא גילאפין וויא אבליץ · אונ האט זייא גיזאגט מער ניט וויא איין פוסטין גוט נאוועגד „איצעלע וואש איז דיא מעשה מיט דיר ?" האבין זייא זיך ביידע אפ גירופין צו אים· וואש איז דיא בייזע געלאף אויף דיר ?" „האט קיין פאר איבעל ניט" · האט ער זיך אפ גירופין· איך האב קיין צייט אווארט ממש צו ריידין מיט אייך · עס איז שוין נאך פיש · אונ עס פעלין נאך דרייא מענטשין בעריל היענקעס · אהרקע צערנעס · אונ ר' שאול הינדעס · דער חיים איציק וויל מיך אויף עסין דער פאר וויא אייאגדע" אונ דאש אוים ריידענדיק איז ער שוין אנטלאפין וויא איין ריסאק · אונ זייערע ווערטער וואש זייא האבין צו אים גירעט ווער גישפראכין נור אין ווינד" :

„אט האסט דוא דיר !" האט זיך דיא ווייב אפ גירופין · עס איז שוין ארוים צו זעהען דייטליך · דאש כען האט דיך ניט גיהייסין בעטין · זאנסט וואלט מען דיך שוין לאנג גיבעטין · אונ ניט איצקע דער עזות פנים איז אין דעם שולדיג" „אוי עס איז מיר ניט גוט !" האט זיך דער ר' טרייטיל אפ גירופין· אוי איך חלש · עס איז מיר גיווארין פינסטער אין דיא אויגין" אונ האט זיך ווירקליך ארונטער גילאזין פון דיא פיש · דען עס ווער שוין צוויא דער זייגער דריטע שעה אונ ער האט נאך אין מויל ניט גיהאט · אונ היינט דעם הארץ ברעך דער פון דאש נראדע אים בעט מען ניט צו אזו אמאלצייט דאש טרעפט אים דעם ערשטין מאל אין זיינעם לעבין · דא האט אים דיא ווייב ארייך גינומען אין שטוב האט אים אנידער גילייגט אויף דער בעטיל · האט אים בעשפריצט מיט קאלטע וואסער · אונ האט אים אפ גיצוכעט · דער לאנגט אנומין שנאפס · דא האט אים אן גיהייבין שרעקליך צו הונגערין אונ האט גיבעטין עסין · אונ וויא מיר ווייסין האט מען דאך גאר ניט גיקאכט פאר אים · האט אים די פרויא דער לאנגט גימאכטע באצווענע מיט ברויט אדער שצאוויע אונ דער נאך גיטריקענטע קירבעס מיט מילך · אונ האט ארייך געריבין צווייא דרייא



טעלער מיט אפונגט דרייא ברויט · אונ האט זיך גילייגט אפ רוהן אונ ווער זייער צו קאכט :

קוים האט ער אן גיהויבין צו דרעמלען · חלעבין דער שמש איז דא · מיט ארום געבונדענע באק · אונ דיא ליפין זייען פאר בלוטיגט „אוי ציפענו !" האט ער אן גיהויבין צו חליפען „נוא האב איך עס אביסיל גיהאט פאר דאש מייניגע · אפארדרייענעם וואר דא מיט מיר · אמת אחכם איז אייער מאן · ער האט עס מיר שוין עטליכע מאל גיזאגט אלס איך פלעג וועלין מאכין בייא אים אשנאפס „איצעלע גיוואוין זיך אין דעם ניט איין" „אוי ווייא איז צו מיינע יארין · נוא האב איך עס אביסיל גיהאט איצונד · אונ אליץ איבער איין איבעריגין טרונק בראנפין · איך האב דורך דעם פאר לארין דעם רייסטער · אונ האב צום אונגליק פאר געסין צו בעטין אייער מאן · נון האט זיך עס דער חיים איציק ארום גיזעהען דאש עס פעלט אים בייא דעם טיש דער פער פון דער קהילה זאל גיזונד זיין ר' טרייטיל · אונ האט מיך גיפרעגט מיט גרוים וואונדער וואש איז דיא מעשה וואש ר' טרייטעל איז ניט דא · נוא וואלט איך אים גיזאגט דעם אמת דאש איך האב פאר לארין דעם רייסטער · אונ האב אים פאר געסין צו בעטין וואלט נאך גיווען וויא עס איז · איך האב אים אבער גינארט · איך האב אים גיזאגט אליגין' איך האב אים גיזאגט דאש אייער מאן איז ניט גיזונד· איז אבער צו מיינעם אונגליק גיזעסין דארט דער בייא דער חזן אונ האט מיר עס אפ גילייקענט אין דיא אויגין „שטייק" האט ער זיך אפ גירופין ער האט מיך נאך בייא דעם דאווענען גיבעטין דאש איך זאל היינט אויף אייער בר מצוה זינגען דעם אמנם כן· ווייל ער האט עס ליב צו הערין · דא איז גיווארין דער חיים איציק שרעקליך אין כעס אויף מיר· דער צו האט ער נאך גיהאט אין קאפ אונ האט מיר דער לאנגט צווייא פעץ דאש איך האב גיזעהען קראקע אונ ווילנא· אונ האט דער בייא נאך גישריען מיט קולות· יונגאץ

וואס

וואס פר שטערסטע מיר די שמחה מיינע · שטייט ר׳ טרייטיל וועט ביא מיר ניט זיין ביא דעם בר מצוה · געשווינט זאלסטו מיר אים שוין ברייגגען אהער אונ דער צייל אים אויך דיא גאנצע געשיכטע דאס דוא ביזט אין דיזער פערשפעטונג שולדיג · אונ אויב דוא וועסט אים מיר ניט ברייגגען · ווארף איך דיך אראפ פון שמשות נגן ליבע ציפונו · האט רחמנות אויף מיך אונ אויף מיינע פרויא אונ קינדער · אונ זאגט מיר וואו איז אייער מאן איך וועל אים אויף דיא הענט אוועק טראגין :

כחש לה) דיזע רייד פון שמש אונ זיין ארום בינדין זיך דיא באק וואר אבער נור איין הוילער אן שטעל · דען דער חיים איציק האט אים בכיון ניט גיגעבען פריהער דאמיט ער זאל זיך גיט קענען דער ווארטין אונ זאל זיך דער ווילע אן שטאפין אין דער היים מיט שצאוויע · מיט געטריקענטע קירבעס · אונ האט אלזו דער נאך גישפילט מיט אים דיא ראלע דורך דעם שמש אלס וויא איינער וואס וואר העכסט בייז אויף זיין בעטער פאר וואס ער האט ניט גיגעבען דעם ערסטין בעסטין גוטין פריינד זיינעם · אדער דעם גרעסטין נכבד אויף זיין שמחה · אונ דער שמש האט עס גישפילט מייסטערליך וויא · איין גוטער אקטאר · אונ דיא ציפענו האט זיך גישמאלצין הערענדיק דיא רייד פון דעם שמש אונ האט אים אריין גיפירט צו איר מאן אין קאמער וואס ער איז דארט גילעגין וויא אן זיך דאס הייסט וויא נאך א תענית וואס מען האט זייער שלעכט אן געביסין נאך אים אונ דארט האט דער שמש איבער גיחאזערט איבער נייעם דיזעם אנשטעל · אונ דער ר׳ טרייטיל האט זיך דער ווילע הערענדיק געקייקעלט אויף זיין בעטיל אזו וויא מען וואלט אים בשעת מעשה רן זיין אין פייער אונ אין וואסער · דען אוויילע האט אים זייער גיקרייגקט פאר וואס ער האט זיך אזו געאיילט אונ האט זיך אן גישטאפט מיט שצאוויע אונ קירבעס · אונ אוויילע ווידער האט אים הנאה גיטאן דאס מען בעט אים דאך אויף דער בר מצוה ·

אונ



אונ דאס דער שמש האט גיהאט זיין פסק דער פאר · נון האט ער שוין אויך נקמה אויף אים · דאס אבער שאדין דאס ער האט איצונד מער קיין אפעטיט · אונ איז דער צו נאך זייער מיד · אונ איז גיווארין דאהער זייער אויף געבראכט : אוויילע אויף דעם שמש אונ אוויילע אויף דער ווייב וואס זיא האט אים צו גירעט דאס ער זאל עסין · אונ האט איר דער פאר אויס גיגעסין דאס הארץ · אונ דער נאך האט ער גיהאלטין אשארפין פריידיגט (אדרשה) פאר דעם שמש · אונ האט אים גיגעבין צוא פאר שטיין וואס אמענטש קען זיך אן מאכין מיט איינעם איבעריגין שנאפס״ אט האסט דוא גימאכט דורך „דעם״ האט ער צוא אים גיזאגט דעם גרעסטין פאר זעהען אין דער וועלט וואס דוא קענסט עס שוין כמעט ניט פאר ריכטין ; דען איך בין שוין אזאטער פול וויא אפאס · אונ עס איז מיר שוין שווער צו גיין אויך״ אונ האט דער ביא זייער שטארק גיקרעכצעט :

„הערט ליבער ר׳ טרייטיל !״ האט זיך דער שמש צו אים אפ גירופין · „איר זאלט מיר אזעלכע דבורים ניט ריידין שיידין איר זייט אוישין אויף מיין לעבין · אונ אויף דעם לעבין פון מיין ווייב אונ קינדער · איך וועל אייך אויף מיינע פלייצעס אוועק טראגין ; אונ ווייטער וואס איר זאגט איר האט קיין אפעטיט · גיסט קשה אויף מיינע אחריות · איר וועט מער וויא ביינדלעך ניט לאזין אויף דעם טעלער · וויא אונזערע חכמים זאגין „רווחא לבסימא שכיחא״ דאס הייסט איינען גוטין ביסין קען מען אויך זאטער הייט געניסן · עס זייען דארט דא אזעלכע שפייזין וואס מען קען זייא אויף איין שולחן מלכים ווייזין · העכט די גרעסטע עופות דיא בעסטע · ווייין גאר אן אשיר · אונ פשיטא שוין גוטע ביר :

הערענדיג דיזע ווערטער האט אן גיהויבין צוא לויפין כלינע ביא אונזער ר׳ טרייטלען פון מויל ; אונ האט זיך גילאזט אן ריידין · אונ איז אוועק מיט דעם שמש · ניט גיגאנגען נור

גיפונעם · דען ער וואר זייער מיד · אין דער חיים איציק דער מחר האט אים אויף גינומען מיט דער גרעסטע פריינדליכקייט אונ מיט דער גרעסטער עהרע · האט אים גאר איבער נייעס דער צײלט די געשיכטע פון שמש · עס האט אים דאש שוין זייער דאקוצעט צוא הערין · דען ער הערט שוין דעם דריטין מאל · אונ האט קוים דער לעבט אריין צו זעצין זיך אונטער דעם טיש אויבין אן · דער עולם האט שוין גיהאלטין אין מיטין עסין · דער אינגעל האט שוין אן גיהויבין צו זאגין די דרשה אונ דער מלמד איז גישטאנען לעבין אים שוין אונ האט גידרייט אונ גימאכט מיט דעם פינגער · וויא אחזן לעבין דעם טענער באס אונ זינגער :

אונ דעם ר׳ טרייטלען · אום דאש ער זאל אן יאגין דעם עולם · האט מען אים דער ווײלע דער לאנגט אפאר שטיק פיש · פון גרויסע העכט גיקאכט מיט ראזינען אונ זאפראן · דער ביי אבולקע מיט אבוטעלקע שפירעטעס · מער אלס צעהען מינוטין האט ער זיך ראמאנסירט מיט דיזעם דעליקאטענעס גוטשמעקענדען געריכט · האט עס בערירט אונ אפ גערוקט · בערירט אונ אפ גערוקט · דען עס וואר אים זייער זאלקע פאקינוט (דאש הייסט אוועק צו ווארפין) · אונ ווידער גאר אונמעגליך עס צו געניסין · נון טוו צו די שפירעטעס · דען אשנאפס מאכט דאך אפעטיט · אונ ביידע שטיק פיש זייען אריין · אונ אויף דעם טעלער איז גיבליבין אגל של עצמות · דען ער האט גיהאט פון ביידע זייטין צווייא גוטע אונטער העלפער · רעכטס די פלעשיל שפירעטעס · אונ לינקס אגרויסע הרענאווקע מיט חריין · ער האט אין וויא ביידין גימאכט אגרויסין רושם · אונ איז אזו גיך פארטיג גיווארין דאס ער האט נאך פאכפייעט צו פרעגין דעם אינגל אקשה אונ האט דעם מלמד אניהער גישטעלט :

דאך דער ר׳ חיים איציק האט אים ניט גילאזט זיך אויש

צוכין



צוכין אוויילע פון די פיש אונ האט גיהייסין דער לאנגען אים אשטיק ענדיק · דער ר׳ טרייטיל האט שוין דעם מלמד אפילו צו רוהע גילאזין דען ער האט זיך גינומען צו די ענדיק · אונ בפרט דער חיים איציק האט אים גיבעטין דאש ער זאל וואש צום גיכטסטין אן ציהען צו דעם ראזינקע צימעס · אונ האט אלזו אן גיהויבין צו קייען די בראטין · עס אבער ניא בעראט דאס הייסט עס גייט ניט · קוים האט ער אויף גיגעסין צווייא ביסין איז אים גיווארין זייער ניט גוט · אונ האט אן גיהויבין צוא ברעכין · דא איז צו גילאפין צו אים גישווינט דער חיים איציק מיט אגלאז וואסער אונ האט אים צו גיהאלטין פאר דעם קאפ ביז ער האט אויש גיבראכין די ענדיק · די פיש · אונ אלס ער האט שוין אן גיהויבין צוא ברעכין מיט די שצאוויע אונ מיט די געטריקענטע קירבעס האט ער גיטאן אגישרייא צו דעם שמש · ״איצעלע געשווינט פיר מיר אוועק דיזעם ר׳ טרייטלען אהיים · כל זמן ער האט גיבראכין מיט מיינע האב איך אים צוא גיהאלטין פאר דעם קאפ · איצונד אבער וויא ער האט אן גיהויבין צו ברעכין מיט שצאוויע אונ מיט טרוקענע קירבעס וואש ער האט עס אין דער היים גיגעסין זאל ער עס ברעכין אין דער היים״ :

דער צוא וואראן נאך דארט אקאמפאניע יונגע לייט וואש ווארין גרויסע שונאים דעם ר׳ טרייטלען אונ האבין אים ניט גיליטין נאך מער אלס דער חיים איציק אונ ווארין יד אחד מיט אים אין דיזער ראלע · נון האבין זייא קוים דער לעבט דיזע מינוט וואש דער חיים איציק האט אים גיהייסין ארויש פירין · אונ האבין ארויש גיפלאצט מיט אשרעקליכין גילעכטער · דאש דער ר׳ טרייטיל האט זיך קוים ארויש געהאפט · אונ איז געקומען אהיים צוריק וויא אמאל המן פון דעם צווייטין מאלצייט וואש אסתר המלכה האט פאר אים גימאכט · אבל וחפוי ראש · אונ האט פון

יענער

יענער צייט און אפנים גיהאט אין שטאט וויא איינע פאסעלע מטבע:

נון מוז איך דיר מיינע טייערע לעזערין אויש לאזין דיזע געשיכטע מיט איינעם שפריך ווארט וואש אגרויסער חכם האט געזאגט. עס איז קיין וואונדער וואש מענטשין מאכין פאלשע געלט; ווען געלט מאכט פאלשע מענטשין:

# דער בן יחיד

איינע וואונדער שיינע וואהרע אונד צו גלייך ניצליכע ערציילונג פון איינעם יעדענאציק מיט איינער העכסט קריטישע אונ מוראלישע פאררעדע (הקדמה) וואס עס ווערט אין איר זייער ראזאנע געשפראכען איבער דיא שלעכטע קינדער ערציהונג אונ אזו אויך איין עטוואס איבער אונזערע פרידיגער (מגידים).

## מאת אמ"ד.


## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ה לפ"ק


---

ДЕРЪ БЕНЪ ЮХИДЪ.

т. е. единородный.

Повѣсть объ одномъ единственномъ избалованномъ сынѣ.

Составлена А. М. Дикомъ.


ВИЛЬНА.

Въ типографiи Вдовы и братьевъ Роммъ, на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ подъ №№ 327 и 328.

1875.